מיט אונזער אייגן לעבן, ווייל איר זענט אונז ליב
9 געוואָרן. וואָרום איר געדענקט (דאָך), ברידער,
אונזער מי און מאַטער: אַרבעטנדיק ביינאַכט און
ביי טאָג, כדי נישט צו פֿאַלן צולאַסט עמיצן פֿון
אייך, האָבן מיר אייך געדרשנט די גוטע בשורה
10 פֿון ג־ט. איר זענט עדות, און ג־ט אויך, ווי הייליק
און גערעכט און אָן אַ פֿעלער מיר האָבן זיך אויפֿ־
11 געפֿירט צווישן אייך מאמינים; ווי איר ווייסט,
אַז יעדן איינעם פֿון אייך, ווי אַ פֿאָטער זיינע
12 קינדער, האָבן מיר מזהיר געווען און דערמוטיקט,
און אייך באַשוואוירן צו וואַנדלען ווי עס איז ראוי
פֿאַר ג־ט, וועלכער רופֿט אייך צו זיין קעניגרייך
און כבוד.
13 און צוליב דעם דאַנקען מיר אויך ג־ט
אָן אויפֿהער, אַז באַקומענדיק ג־טס וואָרט, וואָס
איר האָט געהערט פֿון אונז, האָט איר עס אויפֿגע־
נומען נישט אַלס אַ וואָרט פֿון מענטשן, נאָר ווי עס
איז אינדעראמתן, דאָס וואָרט פֿון ג־ט, וועלכער
14 ווירקט אויך אין אייך, וואָס גלויבן. וואָרום איר,
ברידער, זענט געוואָרן נאָכפֿאָלגער פֿון די קהלות
פֿון ג־ט, וועלכע זענען אין (לאַנד) יהודה אינעם
משיח ישוע; ווייל דאָס זעלביקע האָט איר געליטן
15 פֿון אייערע לאַנדסלייט, ווי זיי פֿון די יידן, וועלכע
האָבן אַפֿילו געטייט דעם האר ישוע און די נביאים,
און אונז האָבן זיי אַרויסגעיאָגט, און זענען נישט
וואוילגעפֿעלן ביי ג־ט, און זענען דערווידער אַלע
16 מענטשן; זיי פֿאַרווערן אונז צו רעדן צו די גוים,
אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן, כדי תמיד אָנצופֿילן
זייערע זינד; דער צאָרן אָבער איז געקומען אויף
זיי ביז צום סוף.
17 מיר אָבער, ברידער, נאָך דעם ווי מיר זענען פֿון